# DI ZUN VET ARUNTER GEYN- די זון וועט אַרונטער גיין

**Paroles : M. I. Helpern  Musique : Ben Yomen**

| | |
|---|---|
| Di zun vet arunter geyn , | די זון וועט אַרונטער גיין |
| untern barg, | אונטערן באַרג , |
| vet kumen a shtile | וועט קומען אַ שטילע |
| di libe tsu geyn. | די ליבע צו גיין |
| Tsum umet vos zitst | צום אומעט וואָס זיצט |
| oyf a goldenem shteyn | אויף א גאָלדענעם שטיין |
| Un veynt far zikh eynem aleyn. | און וויינט פֿאַר זיך איינעם אליין |

| | |
|---|---|
| Di zun vet arunter geyn , | די זון וועט אַרונטער גיין |
| untern barg . | אונטערן באַרג , |
| Vet kumen di goldene pave | וועט קומען די גאָלדענע פּאַווע |
| tsu flien, | צו פֿליען, |
| un mitnemen vet zi | און מיטנעמען וועט זי |
| undz ale ahin, | אונדז אַלע אהין, |
| ahin vu di benkshaft vet tsien. | אַהין ווּ די בענקשאַפֿט וועט ציען. |

| | |
|---|---|
| Di zun vet arunter geyn , | די זון וועט אַרונטער גיין |
| untern barg, | אונטערן באַרג , |
| vet kumen di nakht , | וועט קומען די נאַכט |
| un vet zingen lyu lyu . | און וועט זינגען ליו ליו |
| Ariber di oygn vos faln shoyn tsu, | אַריבער די אויגן וואָס פֿאַלן שוין צו, |
| tsu shlofn in eybiker ru. | צו שלאָפן אין אייביקער רו. |